# מיר דארפן אנהאלטן אונזער פראנט

טראצדעם וואס מ'האלט שוין ווייניגער פון א חודש צום באשטימטן טאג ווען עס דארף אפגעהאלטן ווערן די בחירות הטמאות צום ציוני'סטישן כנסת המינים, זענען אבער די קאמפיין אפיסעס פון "יהדות התורה" נאכנישט פולקאם גרייט צו די מערכה.

דערווייל גייט נאך אן שארפע חילוקי דיעות אין די סאמע הייליגסטע יסודות פונעם 'חוב קדוש'. נעמליך, די שאלה וועלכע קאמפאני וועט זוכה זיין צו פירן דעם קאמפיין. וואס קיינער פון די עסקנים לשם שמים איז נישט גרייט מוותר צו זיין אויף זיין מקורב, אדער אויף די קאמפאני מיט וועמען זיי האבן אן אפמאך לטובתם. ווארשיינליך איז דאס אויך א יסוד אין די מחלוקה צווישן די 'חסידים' און די 'מתנגדים וואס ציעהט זיך נאך פון אנהויב שנת תשמ"ט. אדער גאר צווישן די רבי'שע הויפן ממשיכי דרך הבעש"ט, און צוליב דעם האט מען זיך נאכנישט געקענט רעכט צוזאמען קלויבן און אנהייבן מיט די גרויסע מערכה, די פלאקאטן, די סטיקערס, די אדוועטייזמענטס און בילדער אין די צייטונגען.

מעז יצא מתוק, דערווייל זיצן נאך די בחורים אין די ישיבות, די אינגעלייט אין די כוללים. די "בני תורה" וואס רופן אויס כסדר אז זיי זענען די נושאי 'דגל התורה' בימינו, מעגן נאר מבטל תורה זיין ווען עס קומט צום עונת הבחירות, ווייל דער 'חוב קדוש' איז דוחה אויך מצות לימוד התורה, אזוי ווי אלע אנדערע מצות שבתורה וואס ווערן 'הותרה' צו 'דחויה' אין דעם זמן. ממילא אז דער קאמפיין איז דערווייל פארשלעפט איז יפה שעה אחת מאוחר, הכל ריווח.

אבער פון די אנדערע זייט קען מען נישט זאגן אז עס שלאפט, בכלל נישט. עס ברענט א פייער, עס קאכט זיך זייער שטארק. עס גייען אן גאר הייסע פעולות, עס קומען פאר שטורעמישע מיטונגען. מ'זעהט עסקנים לויפן פון רעגירונגס אפיסעס צו די שטובער פון די ראשי ישיבות. מ'שטייט אין פארבינדונג מיט חברי הכנסת און מיט די משבקי"ם בבית האדמורי"ם, עס איז זייער נישט רואיג.

מיר האלטן דאך מיט דעם מצב איבער די לעצטע חדשים, ווען די חברי כנסת המינים פון יהדות התורה האבן איין דאגה 'עס זאל זיין שא שטיל!'. איי, יעדער שטייט און קוקט מיט שרעק איבער די שרעקליכע גזירה פון 'גיוס בני הישיבות'; יעדער ציטערט וואס דער מארגן וועט ברענגען; ווי אזוי וועט מען זיך דא אן עצה געבן? אבער זיי האבן מחליט געווען אז די גזירה פון גיוס בני הישיבות איז א פעט ביינדל. און דאס דארף זיי ברענגען נאר רווחים.

זיי ווייסן זייער גוט ווי ביטערליך אנטוישט דעם ציבור איז פון די גאנצע ווירטשאפט. די חברי כנסת המינים האבן נישט גארנישט אויפגעטון פאר אידישקייט, קיין שום דערגרייכונג בעניני הדת. חוץ אנמאכן איבערקערענישן ווען עס קומט צו זיכערהייט ענינים, און אנדערע זאכן וואס באלאנגט נישט צו זיי, זענען זייערע הענט געבינדן. אפילו די געלטער ווערן מצטמק והולך.

גאר אסאך האט צוגעגעבן די אינערליכע רייבערייען. די טיילונג ביי די ליטווישע, די רייבערייען ביי די חסיד'ישע. די אומצופרידענע געפילן ווער עס האט א בענקל פריער צי א בענקל שפעטער, וואס ברענגט אויף גרויס זארג אז עס בלייבט באלד נישט קיין בענקלעך איבער וואס זיך צו קריגן...

די גזירה פון 'גיוס בני הישיבות' האט געברענגט ביי זיי האפענונג אז נאר וואס זיי העלפן באקומען דעם זיבעטן בענקל.

מצדם איז דער מהלך אז מ'קען גארנישט טון, עס איז נישטא וואס צו טון, נאר שווייגן, ישב בדד וידום. מ'טאר נישט אויפרייצן די פרייע, מ'טאר זיי נישט ווייזן אז מיר קאאפערירן נישט. און די איינציגסטע פעולה וואס וועט אוועק נעמען די גזירה וועט נאר זיין דער זיבעטער בענקל אין כנסת המינים.

איי וועט איינער פרעגן א שאלת תם, 'וואס איז א נפק"מ צווישן זעקס און זיבן?' וואס פארא כח וועלן זיי דען האבן מער קענגן די אלע פרייע פארטייען אויב זיי וועלן זיך רוקן מיט איין בענקל וואס דארף שוין פון לאנג קומען צוליב דעם נאטורליכן וואוקס?! אבער אויף דעם איז נישטא קיין תשובה. די תשובה וועט קומען אין פארעם פונעם "חוב קדוש" וואס וועט זיך באציעהן אויפן "שליחותיהו דקמאי קא עבדינן", ווען אלע רבי'ס און ראשי ישיבות וועלן חתמ'ענען אויפן סמך פונעם ערשטן חוב קדוש.

זיי האבן גאנץ גוט מצליח געווען איינצושלעפן דעם עולם, די פילן האט געווירקט, און עס איז כמעט צוגעשריבן געווארן א 100% סוקסעס צו זייער חשבון.

*

די וואך האבן זיי אבער פלוצלונג געכאפט אן אומגערישטע אטאקע.

אין שיכון וויזניץ בני ברק איז פארגאנגענעם שב"ק ביי שלש סעודות אויסגערופן געווארן א שארפע מלחמה קעגן דאס זיך שטעלן אינעם 'לשכת הגיוס' בכלל. וואס אין אנדערע ווערטער איז דאס געווען אן אפענע הכרזה קעגן די החלטה פון די גדולי ראשי הישיבות פון בני ברק, וואס האבן באפוילן יא צו גיין.

דער פסק דין איז געדעקט געווארן מיט א טאן פון א גרייטקייט צו גיין זיצן אין תפיסה, מ'האט גענוצט א 'נטורי קרתא' שפראך, וואס האט זיך געענדיגט מיט א פייערדיגן "ה' הוא מלכינו ולו אנו עבדים".

אט די אטאקע האט געהאמערט אויפן קאפ פון די חברי הכנסת ווי מיט האמערס. דאס האט פארדרייט אלע כללים פון זייער פאליטיק. דאס האט צושטערט אלע זייערע חשבונות. ווייל איינמאל דער ציבור הייבט אן צו גיין אויף די ליניע פון מורד זיין און ארויסגיין בחרב ובחנית קעגן די גזירה - וואס דאס איז דער איינציגסטער שליסל צו קענען מצליח זיין - איז שוין אויס מיט בחירות, אויס מיט בענקלעך, די מערכה גייט אריבער אויף גאר א צווייטע ליניע, און דער ברען פאר מסירות נפש וועט נישט זיין באגרעניצט צו א צעטעלע אין א קלפי. נאר צו א פייערדיגע מלחמה פאר אונזער עתיד.

דא האבן זיך די 'שלאף רבי'ס' אויפגעוועקט. די וואס האבן ביז יעצט געשריגן אז עס איז נישטא וואס צו טון, האבן פלוצלונג געטראפן אדרעסן, טעלעפאן נומערן, מייקראפאנען, און וואס נישט.

שוין מוצאי שבת האט יענקל ליצמאן גע'טענה'עט אז דער וויזניצער רבי האט צוגעטראפן מיט רוח הקודש צו זיין געדאנק. די פראגע איז נאר פארוואס ליצמאן האט געווארט אזויפיל חדשים, געלאזט אזויפיל בחורים אריבערגיין די אלע שרעקליכע מקומות המטונפות, און הערשט נאכדעם וואס ער האט געהערט די נייעס

איבער די שלש סעודות תורה האט ער זיך דערמאנט אז דאס האט ער געמיינט.

אבער, דער מציאות האט באוויזן אז ביז געציילטע שטונדן האבן זיי געהאט ערלעדיגט זייער 'השיג', וואס? זיי האבן באקומען אן הבטחה אז 'מ'גייט מער נישט'. מ'האט זיי מבטיח געווען אז מ'וועט שוין נישט בודק זיין די מתייצבים לגיוס אויף געמיינע פריצות'דיגע אופנים, נאר דאס וועט צוגיין 'על טהרת הקודש'.

אז מ'האט באקומען אזא הבטחה איז דאך גוט. נאך בו ביום האט דער ראש ישיבה וואס שטייט בראש פון דעם מהלך געהאט אן אסיפה מיטן וויזניצער רבי'ן, און מ'האט געלאזט לויפן א ידיעה אין די גאסן אז מפטירין כדאתמול.

צי עס איז טאקע מפטירין כדאתמול צי נישט איז נאכנישט קלאר אויף די מינוט. ווי עס זעהט זיך אויס דערוויל איז די שמועה בשקר יסודה, און דער וויזניצער רבי האלט זיך פעסט ביי זיין מיינונג, אבער פאר די גאס קען מען פארקויפן לאקשן. עס איז בלויז איין שקר צווישן אנדערע טויזענטער שקרים.

דער פייערדיגער קול מלחמה האט אויפגעוועקט אסאך פארשלאפענע מענטשן, און עס איז צו ערווארטן אז עס וועט יא זיין א שטיקל מערכה קעגן דעם פלאן פון די פירער פון יהדות התורה.

אבער כשאנו לעצמינו איז אונז שווער א שטארקע קשיא:

קודם כל, אי מלכא אנא עד השתא אמאי לא אתית. אויב איר קענט יא, אויב איר ווייסט יא צי ווען מען ווענדעט זיך, און אז עס פעלט זיך אויס צו ערלעדיגן א שינוי, טראצדעם וואס ביז יעצט האט איר די גאנצע צייט געשריגן אז עס איז נישט מעגליך און מען קען נישט, און דא פלוצלונג אז עמיצער פון אייערע אייגענע איז ארויס פון די ליניע, און ער האט געמאכט אן אייגענעם פראנט וואס שטעלט אין געפאר אייער מהלך, האט איר געגוי געוואוסט וואס צו טון כדי אים צו בארוהיגן?!

און אז איר קענט טאקע יא, און איר ווייסט יא אויף וועלכע טירן מען דארף אנקלאפן, ווילט זיך פארשטיין. פארוואס האט מען נאר גערעדט פון בדיקות?! וואס טוט זיך מיט די עצם ביטערע גזירת הגיוס?!

מ'קען באמת אויף זיי נישט האבן קיין טענות 'שליחותיהו דקמאי עבדינן'. זיי גייען ערליך אין די וועגן פון זייערע פארגייער. מיר זענען שוין מלומד מיט זייערע השגים מאז ומקדם, די שווערסטע און ביטערסטע גזירות וואס די רשעים האבן ארויסגעגעבן האבן זיי אימער געענדיגט מיט א טיילווייזע פשרה, און דאס האט באקומען א נאמען 'הישג' וואס איז צוגעשטעלט געווארן צו די רשימה פון די השגים אויף לאורך ימים. רוב השגים זענען בבחינת 'חזיר שנמלח על טהרת הקודש'. און אט די "מהודר'דיגע בדיקות לצה"ל" קען צוגעשטעלט ווערן צו די רשימה.

די נייעס וואס איז געווען די וואך איז זייער ווייטאגליך, און דאס טוט אונז זייער וויי. ווייל מיר זעהן און מיר איבערצייגן זיך זייער קלאר וואס עס איז זייער מהלך און ווי אזוי זיי ווילן דא גיין ווייטער.

זיי האבן יעצט איין ציהל צו קענען דערגרייכן נאך א בענקל אין כנסת, אזוי וועט דער דארשטיגער חבר הכנסת פון בעלזא שוין נישט דארפן גיסן אזויפיל שפייעכטס מיט זיינע פאדערונגען און סטראשונקעס, און אויך די ליטווישע וועלן זיך שפירן עטוואס באקוועמער, און זיי וועלן נישט פארלאנגען אז מ'זאל מאכן א איבערציילונג צו זעהן ווער עס איז היינט גרעסער, און ווען עס קומט זיך 40% און ווען עס קומט זיך 60%. און גיוס בני הישיבות איז דער בעסטער מיטל דערצו.

נאכדעם וואס דאס וועט זיי געלונגען, און זיי וועלן האבן דערגרייכט זייער ציהל וועט זיך אנהייבן די השגים, פשרות למחצה לשליש ולרביע. נישט יעדער דארף גיין, נישט ממש אין צה"ל, און יעדע דורכפאל וועט אפגעצייכנט ווערן אלס אן השיג, און דער עולם גולם וועט זיך נאך פרייען אויף דעם ביטערן געשעפט.

מיר טארן זיך נישט לאזן פארפירן, מיר טארן זיך נישט לאזן פארבלענדן, מיר טארן נישט לאזן די חברי כנסת המינים זאלן אונז ארומשלעפן ביי די נאז לויט זייערע אייגענע אינטערעסן, נאר מיר מוזן האלטן דעם פראנט ווי מיר ווילן.

**"גיוס בני הישיבות" לא יקום ולא יהיה! קיין איין בחור, אפגעזעהן פון זיינע כשרונות, אפגעזעהן פון זיין התמדה, טאר זיך נישט געפונען אינעם ציוני'סטישן מיליטער. און מיר דארפן אויף דעם פירן א מלחמת חרמה אויפן שארפסטן אופן.**

א מלחמה פירט מען נישט אין כנסת המינים, א מלחמה פירט מען אין די גאסן!

מיר זענען מלומדי מלחמה, מיר האבן שוין מנצח געווען יעדע איינציגע מלחמה ווען מיר זענען ארויסגעגאנגען להקהל ולעמוד על נפשינו! די ציונים האבן שוין גוזר געווען אויף אונז מערערע גזירות איומות, און נאך קיינמאל איז זיי נישט געלונגען אונז צו שטערן פון אונזער וועג נאר צוליב איין סיבה, ווייל מיר האבן זיי געוויזן א 'פייג', מיר האבן געהאט מסירות נפש, מיר האבן זיי קלאר געזאגט אז עס איז נישט שייך אויף  די וועלט אז זיי זאלן אונז קענען צווינגען מוותר צו זיין אויף קיין זיז כל שהוא.

עס איז א מורא'דיגער פראבלעם, איינע פון די גרעסטע יסודות פאר די הצלחה פון אזא מערכה איז אז עס זאל זיין א געמיינזאמע החלטה צווישן אלע ערליכע אידן שומרי תורה ומצוות. אט די פשרנים זיי האבן געלעכערט די שיף, זיי האבן געמאכט א חורבן, זיי האבן קלאר געזאגט פאר די רשעים אז יא, עס איז דא וואס צו רעדן, עס איז שייך איינצוגיין אויף פשרות.

פון די אנדערע זייט ווייסן מיר אבער אונזער תכסיסי מלחמה, מיר דארפן טון און נישט אויפטון, מיר דארפן פירן א מלחמה מיט פייער, מיר דארפן גיין לכל אורך הדרך, מיר דארפן ארויסברענגען אונזער גאנג אויף יעדן אופן וואס איז נאר שייך, אז עס זאל איבעראל אנקומען און איבעראל דערהערט ווערן אז דאס יהדות החרדית גייט נישט איין אויף קיין שום פשרות איבער די נושא פון גיוס. דער גאנצער מיליטער ווי שיין און ווי ערליך עס זאל נאר נישט זיין איז פסול, טמא ומטמא, און מיר וועלן לוחם זיין דערקעגן עד קצה האחרון.

ולה' הישועה